NEW

# לקוטי שיחות

NITZAVIM נצבים

VOLUME 2, P. 398–405

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# NITZAVIM I | נצבים א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Nitzavim,* 5750 (1950)

## Introduction

*Parshas Nitzavim* invariably is read on the *Shabbos* before Rosh HaShanah, and this timing reveals something essential about how we prepare for the Day of Judgment.

The reading begins, "You are standing today, all of you before G-d, your L-rd."[1] How do we merit to stand before G-d?

Without discounting eloquent prayers or spiritual credentials, there is something far more fundamental and accessible to every Jewish soul. The key to standing before G-d lies in transcending the boundaries that separate us from one another. When we move beyond our natural tendency to evaluate and categorize each other, something remarkable happens: we inspire G-d to transcend the limits of strict judgment.

The unity that Rosh HaShanah demands goes beyond mere coexistence – it creates wholeness where "all of you" become "as one." Hierarchy need not divide. In the human body, the head and foot complement each other, and only when both are present is the body whole and complete. Similarly, every member of the Jewish people, from leaders to simple folk, contributes something of fundamental importance, each one furthering the perfection of the people as a whole.

Our preparation for the Day of Judgment begins when we stop judging each other and start recognizing the Divine spark that makes us all equal before G-d.

---

1. *Devarim* 29:9.

# Preparing To Stand Before G-d

## Standing as One

**1. In *Likkutei Torah,*[1] there is a teaching that is also cited in the journal of my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz, **from *Parshas Nitzavim* 5707,[2] concerning the fact that this Torah reading is always read on the *Shabbos* directly before Rosh HaShanah. (Sometimes, it is read together with *Parshas Vayeilech*, and sometimes *Nitzavim* is read alone.) However, regardless, *Parshas Nitzavim* is always read on the *Shabbos* before Rosh HaShanah, for the following reason:**

**Every *Shabbos* has a connection to the coming week and includes those days. Therefore, on the *Shabbos* before Rosh HaShanah, we read the Torah portion that begins *Atem nitzavim hayom,* "You are standing today** all of you, before G-d, your L-rd,"[3] **because "today" refers to Rosh HaShanah, the day of great judgment.**[4]

**When "today," i.e., Rosh HaShanah, arrives – then we must "all" be "standing." Every** Jewish **soul must present itself "before G-d, your L-rd." This applies equally to all souls, from** the leaders of the people, **"the heads of your tribes"**[2] **to** the servants, **"those who chop your wood and draw your water."**[5] **The woodchoppers were, as *Rashi*[6] explains, Canaanites who came to convert** in Moshe's time, **like the Gibeonites did in Yehoshua's time, and were accepted only because of an oath.**[7] **They ascend before G-d together with** all the other

א. עֶס שְׁטֵייט אִין לִקּוּטֵי תּוֹרָה[א] אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרַאכְט אִין דֶער רְשִׁימָה פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר פוּן פַּרְשַׁת נִצָּבִים תש"ז, אַז פַּרְשַׁת נִצָּבִים לֵייעֶנְט מֶען אַלֶעמָאל אִין דֶעם שַׁבָּת וָואס פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַמָאל לֵייעֶנְט מֶען עֶס צוּזַאמֶען מִיט פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ אוּן אַמָאל לֵייעֶנְט מֶען נִצָּבִים בַּאזוּנְדֶער, אָבֶער עַל כָּל פָּנִים - פַּרְשַׁת נִצָּבִים לֵייעֶנְט מֶען אַלֶעמָאל דֶעם שַׁבָּת וָואס פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז:

יֶעדֶער שַׁבָּת הָאט אַ שַׁיְיכוּת אוּן עֶר אִיז כּוֹלֵל דִי טֶעג פוּן דֶער קוּמֶענְדִיקֶער וָואךְ. דֶערְפַאר לֵייעֶנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת וָואס פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם, וָואס הַיּוֹם גֵייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹמָא דְדִינָא רַבָּא.

בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט דֶער "הַיּוֹם", דֶער טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט דַארְף זַיְין אַתֶּם נִצָּבִים כֻּלְּכֶם, אַלֶע נְשָׁמוֹת דַארְפְן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן, לִפְנֵי הֲוָיֶ' אֱלֹקֵיכֶם, אוּן דָאס אִיז אִין אַלֶע נְשָׁמוֹת גְלַיְיךְ, פוּן רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם בִּיז חֹטֵב עֵצֶיךָ וְשֹׁאֵב מֵימֶיךָ. אוֹיף חֹטֵב עֵצֶיךָ זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זַיְינֶען גֶעוֶוען כְּנַעֲנִים וָואס זַיְינֶען גֶעקוּמֶען מְגַיֵּיר זַיְין זִיךְ עַל דֶּרֶךְ ווִי דִי גִבְעוֹנִים בִּימֵי יְהוֹשֻׁעַ, וָואס מֶען הָאט זֵיי צוּגֶענוּמֶען מֶער נִיט ווִי צוּלִיבּ דֶער שְׁבוּעָה[ב] - אוֹיךְ

---

1. ***Likkutei Torah, Devarim*, p. 44a.**

2. *Sefer HaMaamarim 5706*, p. 256.

3. *Devarim* 29:9.

4. See the *Targum Yonason* to *Iyov* 2:1, quoted in *HaYom Yom*, entry 25 Elul.

5. Ibid. 29:10.

6. *Rashi* on the above verse.

7. ***Yehoshua* 9:15.** The elders of Israel took an oath to accept the

Jews, **bonded in oneness. Everyone together must be "united, as one."**[1]

**The concept of "all of you – as one"**[8] **means not merely that everyone tolerates the other – that despite one being a leader and another being a simple person,** each **is accepting of the other. Instead,** the unity is deeper. **Each one receives from all others, and they all complement each other.**

To draw an **example** from **the human body: The head and foot complement each other. Each of them – whether the head or the foot – lacks wholeness without the other.**

**This is the spiritual work that Rosh HaShanah – "today" – demands. To enable us to carry out this service, on the *Shabbos* before Rosh HaShanah, we read in the Torah, "You are standing today, all of you... the heads of your tribes... those who chop your wood [and] draw your water." This Torah reading empowers us to actually achieve** such a bond of oneness.

***Chassidus***[9] **explains that the reason we recite** the verses of ***Malchuyos*, *Zichronos*,** and ***Shofros* on Rosh HaShanah is that by** reading these verses, **we are bringing proof from the Torah that G-d must manifest His sovereignty (*Malchuyos*) and remember us (*Zichronos*), and** that this is actualized **through** sounding **the *shofar.*** The recitation of these verses **serves as a catalyst, causing this to be manifest.** Similarly, reading *Atem Nitzavim* prompts and empowers us to bond as one on Rosh HaShanah.

זֵיי זַיְינֶען עוֹלֶה לִפְנֵי הֲוָיֶ׳ צוּזַאמֶען מִיט דִי אִיבֶּערִיקֶע אִידְן, אִין אִין אַן אוֹפֶן פוּן כֻּלְּכֶם, אַלֶע צוּזַאמֶען זָאלְן זַיְין "לַאֲחָדִים כְּאֶחָד".

דֶער עִנְיָן פוּן כֻּלְּכֶם כְּאֶחָד הֵייסְט אַז נִיט נָאר וָואס זֵיי זַיְינֶען סוֹבֵל אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אַז נִיט קוּקְנְדִיק אַז עֶר אִיז אַ רֹאשׁ אוּן דֶער צְוֵייטֶער אִיז אַ אִישׁ פָּשׁוּט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגן פַארְטְרָאגְט עֶר אִים, נָאר נָאךְ מֶערֶער אַז זֵיי זַיְינֶען מְקַבְּלִים זֶה מִזֶּה, וּמַשְׁלִימִים זֶה אֶת זֶה. אַזוֹי וְוִי רֹאשׁ וְרֶגֶל אִין מֶענְטשְׁלֶעכְן קֶערְפֶּער וֶועלְכֶע זַיְינֶען מַשְׁלִים - דֶערְגֶענְצְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. יֶעדֶערֶער פוּן זֵיי - סַיי דֶער רֹאשׁ, סַיי דֶער רֶגֶל - הָאט נִיט קֵיין שְׁלֵימוּת אָן דֶעם צְוֵייטְן.

דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה וָואס עֶס פָּאדֶערְט זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה - "הַיּוֹם". אוּן בִּכְדֵי צוּ קֶענֶען דָאס דוּרְכְפִירְן, לֵייעֶנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת וָואס פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין תּוֹרָה, אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם גו׳ רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם גו׳ חֹטֵב עֵצֶיךָ וְשֹׁאֵב מֵימֶיךָ, וָואס דִי קְרִיאָה בַּתּוֹרָה גִיט אַ כֹּחַ אַז עֶס זָאל זַיְין טַאקֶע אַזוֹי בְּפּוֹעֵל.

אוּן לוֹיט וְוִי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת דֶער טַעַם וָואס מֶען זָאגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה פְּסוּקֵי מַלְכִיּוֹת זִכְרוֹנוֹת וְשׁוֹפְרוֹת, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אַ רַאְיָה פוּן תּוֹרָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דַארְף זַיְין אַ מֶלֶךְ אוּן דַארְף גֶעדֶענְקֶען, אוּן בַּמֶּה בַּשּׁוֹפָר, דוּרְךְ דֶעם טוּט מֶען אוֹיף אַז עֶס וֶוערְט אַזוֹי בְּפּוֹעֵל.

## What a Covenant Achieves

**2. After stating, "You are standing... from those who chop your wood to those who draw**

ב. נָאךְ דֶעם וָואס עֶר זָאגְט אַתֶּם נִצָּבִים גו׳ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ, זָאגְט עֶר

Gibeonites as converts and not destroy them, believing that they were not Canaanites, whom they were commanded to obliterate.

8. The Rebbe is combining the words of the verse with the Alter Rebbe's insight in *Likkutei Torah,* loc. cit.

9. *Likkutei Torah, Devarim,* p. 56c, *et al.*

**your water," the passage continues,**[10] **"to induct you into the covenant of G-d your L-rd." This means that the service of "you are standing... all of you" serves as preparation for "induct[ing] … into the covenant"** – i.e., **the covenant that G-d makes with the Jewish people on Rosh HaShanah.**

In our lives, **we see that,** at times, **two devoted friends whose love** for each other **stems from reason**[11] will make a covenant to preserve their relationship. Their love might be based on **one recognizing the other's virtues or loving him so that the other will love him** in return, **and he will derive benefit from this** relationship. **Now, if one** of the two **sees some deficiency in himself and fears that the other will sense it,** he worries **that their love will weaken. How much more so** does this apply **if the deficiency involves fundamental matters that could cause the love to cease entirely or even bring about the opposite of love.** Therefore, **while their love is still strong, they make a covenant between themselves that their love should always endure.**

This approach involves a shift in the emotional mechanics of the principals. By **making a covenant,** they lift their love to a level that **transcends reason and understanding. They set aside their** ordinary **thought processes and make a covenant to connect** with each other **with an essential bond, so that nothing in the world will weaken the love and it will continue forever.**

**The same dynamic applies to the love between G-d and the Jewish people. When Rosh HaShanah arrives, their love is strong because it comes after the service of the month of Elul.** The *teshuvah* of that month **removes all the Jews' sins that would conceal the love** and prevent its

וַוײַטֶער, לְעָבְרְךָ בִּבְרִית הֲוָיֶ' אֱלֹקֶיךָ. דָאס הֵייסְט אַז דִי עֲבוֹדָה פוּן אַתֶּם נִצָּבִים גו' כֻּלְּכֶם, אִיז אַ הֲכָנָה צוּם לְעָבְרְךָ בִּבְרִית, צוּם כְּרִיתוּת בְּרִית פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אִידְן אִין דֶעם טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִין גַשְׁמִיוּת זֶעעֶן מִיר, אַז צְוֵויי אוֹהֲבִים נֶאֱמָנִים וָואס זֵייעֶר אַהֲבָה אִיז מִצַּד אַ טַעַם, צִי וַוײַל אֵיינֶער דֶערְקֶענְט דֶעם צְוֵוייטְנְס מַעֲלָה, צִי עֶר הָאט אִים לִיבּ בִּכְדֵי אַז יֶענֶער זָאל אִים לִיבּ הָאבְּן וָואס פוּן דֶעם וֶועט אִים אַרוֹיסְקוּמֶען אַ טוֹבָה, אִיז בְּשַׁעַת עֶר זֶעט אִין זִיךְ עֶפֶּעס אַ חִסָּרוֹן אוּן הָאט מוֹרָא אַז דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט עֶס מַרְגִישׁ זַײן וּבְמֵילָא וֶועט וֶוערְן אַן אָפְּשְׁוַואכוּנְג אִין דֶער אַהֲבָה, - וֶוער רֶעדט אוֹיבּ דֶער חִסָּרוֹן אִיז אִין עִנְיָנִים עִיקָרִיִּים וָואס דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען אַז דִי אַהֲבָה זָאל אוֹיפְהֶערְן אִינְגַאנְצְן, אָדֶער נָאךְ גוֹרֵם זַײן הֵיפֶּךְ הָאַהֲבָה, - אִיז בְּשַׁעַת אַז זֵייעֶר אַהֲבָה אִיז נָאךְ שְׁטַארְק, מַאכְן זֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ אַ כְּרִיתַת בְּרִית, אַז זֵייעֶר אַהֲבָה זָאל זַײן אוֹיף שְׁטֶענְדִיק.

וָוארוּם דֶער עִנְיָן פוּן כְּרִיתוּת בְּרִית אִיז לְמַעְלָה מִטַעַם וְדַעַת, מֶען לֵייגְט אַוֶועק דֶעם שֵׂכֶל אָן אַ זַײט אוּן מֶען אִיז כּוֹרֵת בְּרִית אוֹיף פַארְבִּינְדְן זִיךְ מִיט אַ הִתְקַשְּׁרוּת עַצְמִית, אַז קֵיין עִנְיָן בָּעוֹלָם זָאל נִיט אָפְּשְׁוַואכְן דִי אַהֲבָה, אוּן זִי זָאל זַײן לָעַד וּלְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין דֶער אַהֲבָה וָואס צְוִוישְׁן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אִידְן. בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר אַהֲבָה שְׁטַארְק, וָוארוּם עֶס אִיז דָאךְ נָאךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן חֹדֶשׁ אֱלוּל וֶועלְכֶע נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע חֲטָאִים הַמַּעְלִימִים עַל הָאַהֲבָה,

10. *Devarim* 29:11.

11. The Rebbe is emphasizing that the relationship described here stems from an outside factor – to borrow our Sages' words (*Avos* 5:16), it is love "dependent on a reason," in contrast to the natural love between parents and children or between siblings that is not dependent on any reason. As such, there is a natural tendency for it to weaken over the passage of time.

expression. **At that time, the Jews and G-d establish a covenant between themselves; the Jews connect with G-d through an essential bond that transcends reason and understanding, so that nothing in the world will be able to weaken it.**

What **evokes in G-d, as it were,** the desire to **connect with the Jews' souls beyond reason and understanding? The service of "all of you as one."** To reach such unity, every person must **forego** and transcend his ego and self-image in a manner **that transcends reason and understanding. (After all, according to logic, he is a leader and the other draws water,** or vice versa, so **what connection do they have with each other?)**

Why the Jews' going beyond their ordinary bounds and uniting with each other motivates G-d to enter into a covenant with them beyond the limits of logic can be explained by **clarifying the concept of *b'chol me'odecha*** (loving G-d **"with all your might"). *Me'od,*** translated as "might," also means "very" or "much." In that context, loving G-d *b'chol me'odecha* means expressing an exceedingly great love that surpasses the person's limits. However, the term used is *me'odecha,* **"your *me'od,*"** in other words, since human beings are limited, the love they show is not truly unlimited. Indeed, love that is considered unlimited for one person would be considered limited for another. Nevertheless, despite the bounds of the person's love, since this is ***me'odecha*** – on his level, an unlimited love **– it elicits** truly unlimited love from G-d, love that is **essentially unbounded.**[12] When the Jews go beyond their ordinary bounds and join with others, recognizing their G-dly essence, G-d is moved to enter into a covenant with them.

אִיז דֶעמָאלְט מַאכְט מֶען צְווִישְׁן זִיךְ אַ כְּרִיתַת בְּרִית, אִידְן פַאַרְבִּינְדְן זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ הִתְקַשְּׁרוּת עַצְמִית שֶׁלְּמַעְלָה מִטַּעַם וְדַעַת, וָואס בְּמֵילָא וֶועט קֵיין עִנְיָן בָּעוֹלָם נִיט קֶענֶען דָאס אָפְּשְׁוַואכְן.

בִּכְדֵי אַרוֹיסְצוּרוּפְן בַּיי דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל עֶר זָאל זִיךְ פַאַרְבִּינְדְן מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל לְמַעְלָה מִטַּעַם וָדַעַת, אִיז דָאס דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן כֻּלְּכֶם כְּאֶחָד, וָואס דָאס אִיז אַן "אַוועֶקְגֶעבּ" שֶׁלְּמַעְלָה מִטַּעַם וְדַעַת (וָוארוּם עַל פִּי שֵׂכֶל אִיז עֶר דָאךְ אַ רֹאשׁ אוּן יֶענֶער אַ שׁוֹאֵב מַיִם, אִיז וָואס פַאר אַ שַׁיְּיכוּת הָאט עֶר מִיט יֶענֶעם). אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין דֶעם עִנְיָן בְּכָל מְאֹדֶךָ, אַז דוּרְךְ זַיְין מְאֹד[ג], כָאטשׁ אַז דָאס אִיז נָאר מְאֹד שֶׁלְּךָ, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ דֶעם מְאֹד הָעַצְמִי.

## When the Foot Becomes a Head

**3. However,** these feelings of unity, **standing as one, must be genuine. We must recognize that this approach reflects actual reality** – all Jews are truly one. **Even though**

ג. דֶער כֻּלְּכֶם כְּאֶחָד אָבֶּער דַארְף זַיְין מִיט אַן אֱמֶת. עֶר דַארְף וִויסְן אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז

12. ***Torah Or*, pp. 39c** ff., 46; *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* p. 47c; *Derech Mitzvosecha, Shoresh Mitzvas HaTefilah,* p. 246; *et al.*

someone **may consider himself among the "heads" while viewing another as a simple person,** several factors challenge this perspective. **First, we cannot truly determine who is the head and who is the foot, because we typically underestimate the true state of others and overestimate our own. Beyond that, even if one were actually the head, the foot still possesses qualities that the head** lacks, **for the head achieves its** wholeness and **completeness specifically through the foot, as mentioned above.**

**On this basis, we can understand why specifically the Gibeonites were made wood-choppers for the Sanctuary and the** ***Beis HaMikdash.*** **Not all Jews were** frequently **present in the** ***Beis HaMikdash;*** **not all lived in Jerusalem. Only the** ***anshei maamad,*** **those who represented the** people at the sacrifices, would frequent the *Beis HaMikdash* on a regular basis. **By contrast, the Gibeonites served in the** *Beis HaMikdash* continuously. **The reason** they were granted this privilege **is that the true perfection of excellence lies specifically in the foot.**

**This also explains the connection to the oath that was involved – the oath that was made when accepting the Gibeonites. An oath transcends reason and understanding. It touches the essence of the soul,[13] and the essence of the soul expresses itself specifically through** the service of **the foot.**

13. See *Sefer Kitzurim VeHaaros LeTanya,* p. 48ff.

טַאקֶע אַזוֹי. הֲגַם עֶר מֵיינְט דָאךְ אַז עֶר אִיז פוּן דִי רָאשֵׁיכֶם אוּן יֶענֶער אִיז אַן אִישׁ פָּשׁוּט, אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען קֶען נִיט וִויסְן וֶוער אִיז דֶער רֹאשׁ אוּן וֶוער אִיז דֶער רֶגֶל, וָוארוּם עַל פִּי רוֹב אִיז מֶען יֶענֶעם מַעֲרִיךְ נִידֶערִיקֶער וִוי יֶענֶער אִיז בֶּאֱמֶת אוּן זִיךְ - הֶעכֶער וִוי מֶען אִיז בֶּאֱמֶת, אוֹיסֶער דֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זָאל טַאקֶע אַזוֹי זַיְין, אַז עֶר אִיז דֶער רֹאשׁ, אִיז דָאךְ פַאַרַאן אַ מַעֲלָה אִין רֶגֶל אוֹיפְן רֹאשׁ, וָואס דִי שְׁלֵימוּת הָרֹאשׁ קוּמְט דוּרְךְ דֶעם רֶגֶל דַוְקָא כַּנַ"ל.

דֶערְמִיט וֶועט מֶען אוֹיךְ פַאַרְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי גִבְעוֹנִים פַאַר חוֹטְבֵי עֵצִים לְמִשְׁכָּן וּלְמִקְדָּשׁ דַוְקָא. נִיט אַלֶע אִידְן זַיְינֶען גֶעוֶוען אִין מִקְדָּשׁ. נִיט אַלֶע הָאבְן גֶעלֶעבְּט אִין יְרוּשָׁלַיִם. עֶס זַיְינֶען גֶעוֶוען דָארְט נָאר אַנְשֵׁי מַעֲמָד וָואס זֵיי זַיְינֶען גֶעוֶוען שְׁלוּחִים פַאַר אַלֶע אִידְן. אָבֶּער דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי גִבְעוֹנִים אִיז גֶעוֶוען אִין מִקְדָּשׁ. דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז וַוְיְיל דִי אֲמִתִּית שְׁלֵימוּת הַמַּעֲלָה אִיז אִין רֶגֶל דַוְקָא.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דִי שַׁיְיכוּת פוּן שְׁבוּעָה דֶערְבַּיי, - דִי שְׁבוּעָה וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיְים צוּנֶעמֶען דִי גִבְעוֹנִים. שְׁבוּעָה אִיז לְמַעְלָה מִטַּעַם וְדַעַת, דָאס רִירְט אָן אִין עֶצֶם הַנֶּפֶשׁ[ד], אוּן דֶער עֶצֶם הַנֶּפֶשׁ זָאגְט זִיךְ אוֹיס אִין רֶגֶל דַוְקָא.

א) דברים מד, א.

ב) יהושע ט, טו.

ג) זע תורה אור לט, ג.

ד) זע ספר קיצורים והערות לתניא, עמוד מח און ווייטער.

# NITZAVIM II | נצבים ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Nitzavim-Vayeilech,* 5710 (1950)

## Introduction

Standing before G-d's absolute judgment strips away all pretenses. When Rosh Hashanah arrives, we do not ask G-d to evaluate us according to our individual virtues and failings. We request that He relate to us from the standpoint of His Divine Essence, a perspective that transcends the framework of earned reward and calculated justice.

Adopting this outlook transforms not only how we understand Divine judgment, but how we view each other. When we recognize that our standing before G-d depends not on our relative merits but on His essential relationship with every Jewish soul, whatever hierarchies and comparisons that normally divide us become meaningless.

As the classic story the Rebbe quotes illustrates, in the face of the absolute Divine reality, no person can truly consider himself superior to another. Accordingly, the way to prepare for the judgment of Rosh HaShanah lies not in building ourselves up, but in recognizing the bond that joins us altogether – that we all stand as equals before the Infinite.

# Before Judgment Is Made

## What It Means to Stand Before G-d

**1. Before sounding the *shofar* on Rosh HaShanah, we request, "Choose us, the glory of Yaakov whom You loved for all time, as an inheritance."**[1] While making that petition, **a Jew** should **contemplate what "choose us" means:** that G-d's choice of us is absolute, unalterably so, **this way and no other.**

**Consider:** True free **choice stems specifically from G-d's Essence, because only He, His Essence – transcends all measures and all limitations** and is completely **free** of any and all compulsion by outside factors. Hence, when He chooses, that establishes the reality.

**Contemplate as well that** we – limited created beings – are in no way whatsoever comparable **to G-d's Essence.** To refer to a Kabbalistic axiom:[2] **To a greater degree that it cannot be said that there is a comparison between the World of *Asiyah* ("the World of Action")[3] and the World of *Atzilus* ("the World of Emanation"),[4] it cannot be said that there is a comparison between the World of *Atzilus* and the *Ein Sof* ("the Infinite,"** i.e., G-d's Essence)**. Whatever** level or degree of **"incomparability" that one could possibly conceive cannot** even **serve as an analogy to the incomparability between the Creator and the created: How then can we presume to ask G-d Himself to "choose us…"?**

**When** a person **contemplates and evaluates himself** honestly with these scales**, he will no longer have any**

א. אַז אַ אִיד אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן, אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּאר תְּקִיעוֹת וֶועט עֶר בֶּעטְן[ה], יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ אֶת גְּאוֹן יַעֲקֹב אֲשֶׁר אָהֵב סֶלָה, וָואס יִבְחַר לָנוּ מֵיינְט: אַזוֹי אוּן נִיט אַנְדֶערְשׁ, אוּן בַּאטְרַאכְטְנְדִיק זִיךְ אַז דֶער עִנְיַן הַבְּחִירָה קוּמְט פוּן עַצְמוּת דַוְקָא, וָוארוּם נָאר עֶר - עַצְמוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ - אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע מְדִידוֹת, הֶעכֶער פוּן אַלֶע הַגְבָּלוֹת, חָפְשִׁי, אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן אִין דֶעם אֵין עֲרוֹךְ שֶׁלְּגַבֵּי עַצְמוּת[ו], דְּיוֹתֵר מִשֶּׁאֵין עֲרוֹךְ עֲשִׂיָּה לְגַבֵּי אֲצִילוּת - אֵין עֲרוֹךְ אֲצִילוּת לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אַלֶע אֵין עֲרוֹךְ'ס וָואס מֶען זָאל נָאר נִיט אוֹיסְמָאלְן זַיְינֶען נִיט קֵיין מָשָׁל כְּלַל אוֹיפְן אֵין עֲרוֹךְ פוּן בּוֹרֵא מִיט נִבְרָאִים, הַיְינְט וִוי קוּמְט עֶר צוּ בֶּעטְן בַּיי עַצְמוּת יִבְחַר לָנוּ?

אַז עֶר וֶועט זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיְין אִין דֶעם אוּן מַעֲרִיךְ זַיְין זִיךְ, וֶועט אִים שׁוֹין בְּמֵילָא נִיט בְּלַיְיבְּן קֵיין

---

1. ***Tehillim* 47:5**, the psalm recited before sounding the *shofar* on Rosh HaShanah. We are translating the verse according to its interpretation in *Chassidus* (see *Sefer HaMaamarim 5651*, p. 46, and *Sefer HaMaamarim 5653*, p. 157, *et al.*). According to its context in the psalm, it would be translated as "Choose our heritage for us, the glory of Yaakov, whom He loved for all time."

See also *Likkutei Sichos*, Vol. 4, p. 1147 (translated in *Selections from Likkutei Sichos*, Festivals, Vol. 1, p. 26ff.) and *Likkutei Sichos*, Vol. 19, p. 282 (translated in *Selections from Likkutei Sichos, Devarim* p. 466ff.).

2. **See *Ramak* in *Sefer Eileimah*, cited in *Pelach HaRimon* on *Pardes*, *Shaar* 3, ch. 1.**

3. The lowest of the four spiritual worlds.

4. The loftiest of the four spiritual worlds.

**time left to evaluate others.**[5]

צַײט צוּ מַעֲרִיךְ זַײן דֶעם צְווֵייטְן.

## A Story with an Echo

2. The above is aptly illustrated by the following story: **Rav Hillel of Paritch**[6] **yearned to see the Alter Rebbe.**[7] **However, whenever he arrived at a town in which the Alter Rebbe had appeared,** something would always happen and **he did not meet him, because the Alter Rebbe had already left. Once, Rav Hillel decided** to plan ahead, **and when he heard that the Alter Rebbe was due to arrive at a certain place, he** saw to it that he would **arrive first. And that wasn't all. Since experience had taught him that whenever he tried to see the Alter Rebbe, all kinds of obstacles arose, he suspected that this time as well, he would not be granted admittance to him. So he thought of a plan; he found his way into the apartment which the Alter Rebbe was to occupy and hid under the bed.**

Now, **Rav Hillel had prepared a scholarly** question **in** ***Arachin*** ("Assessments"), a Talmudic tractate which deals with assessments of people's value for dedication to the *Beis HaMikdash,* to serve as a springboard for a discussion with the Alter Rebbe. **But as soon as the Alter Rebbe entered the room, before Rav Hillel could manage to emerge from his hideout, he heard the Alter Rebbe saying in his well-known singsong, "If a young man has a difficulty in** ***Arachin,*** **he should first assess himself…."**

ב. ר׳ הִלֵל פַּארִיטשֶׁער[ו] הָאט גֶעווָאלְט זֶען דֶעם אַלְטְן רֶבִּי׳ן[ז], אָבֶּער יֶעדֶער מָאל וֶוען עֶר פְּלֶעגְט קוּמֶען אִין שְׁטָאט וואוּ דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר אִים שׁוֹין נִיט גֶעטְרָאפְן, ווַײל דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעווֶען אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְטְן. הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעווֶען אוּן עֶר הָאט פַארְכַאפְּט פְּרִיעֶר, אוּן אַז עֶר הָאט דֶערְהֶערְט אַז דֶער אַלְטֶער רֶבִּי דַארְף פָּארְן לְמָקוֹם פְּלוֹנִי, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אַהִין אֵיידֶער דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. דֶערְמִיט הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ נִיט בַּאנוּגְנְט, ווָארוּם זֶעעֶנְדִיק אַז יֶעדֶער מָאל מַאכְן זִיךְ אִים פַארְשִׁידֶענֶע מְנִיעוֹת צוּ זֶען דֶעם אַלְטְן רֶבִּי׳ן, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיךְ דֶעם מָאל וֶועט מֶען אִים נִיט אַרַײנְלָאזְן, הָאט עֶר זִיךְ מִתְחַכֵּם גֶעווֶען, אוּן אִיז אַוֶועק אִין דֶער דִּירָה וואוּ דֶער אַלְטֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט אַײנְשְׁטֵיין, אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶערְן בֶּעט.

ר׳ הִלֵל הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַ קַשְׁיָא אִין מַסֶכֶת עֲרָכִין אוֹיף צוּ פְרֶעגְן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי׳ן אִין לֶערְנֶען. ווִי נָאר דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אִיז אַרַײן אִין צִימֶער, נָאךְ אֵיידֶער ר׳ הִלֵל הָאט בַּאווִיזְן צוּ אַרוֹיס פוּן בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, הָאט עֶר דֶערְהֶערט ווִי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי זָאגְט בְּנִיגוּן הַיָּדוּעַ: "אַז אַ יוּנְגֶער מַאן הָאט אַ קַשְׁיָא אִין עֲרָכִין דַארְף עֶר פְרִיעֶר זִיךְ

5. Although we published the *sichos* of *Parshas Nitzavim* as three separate *sichos,* they were all delivered at the same *farbrengen* and were originally published as a single document. However, since they have three fundamentally different themes, we published them as separate *sichos.* Nevertheless, there are certain connections between them. For example, the first *sichah* mentioned how although there are ten different categories of Jews, it cannot be said that one is higher than the other. This correlates with the point mentioned here. Similarly, the insight concerning evaluating oneself and evaluating others is relevant.

6. **Rav Hillel, the son of Rav Meir HaLevi Malisov (5555 - 11 Menachem Av, 5624 [1795-1864]), head of the Rabbinical Court of Bobruisk. For biographical notes, see** ***Pelach HaRimon*** **on** ***Bereishis,*** **p. iv.**

7. **See also** ***Likkutei Dibburim*** (Heb./Yid. edition), Vol. 3, **p. 524a** (in the English edition: Vol. IV, ch. 30) and also *Sefer HaSichos 5696-5700* [1936-1940], p. 276, and sources listed there.

Rav Hillel fainted on the spot. By the time he was found and revived, the Alter Rebbe had already left town.

(Rav Hillel never again managed to meet the Alter Rebbe. He would travel to his successors, the Mitteler Rebbe and the *Tzemach Tzedek*, but this was the only occasion on which he was in the presence of the Alter Rebbe, and even then, he did not see him.)

מַעֲרִיךְ זַיְין". הָאט עֶר, ר' הִלֵּל, גֶעחַלֶשְ'ט. בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעפוּנֶען אוּן אָפְּגֶעמִינְטֶערְט אִיז דֶער אַלְטֶער רֶבִּי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דָארְטְן.

– מֶערֶער אִיז שׁוֹין ר' הִלֵּל'ן נִיט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זַיְין בַּיי דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם מִיטֶעלְן רֶבִּי'ן אוּן צוּם צֶמַח צֶדֶק, אָבֶּער בַּיי דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיקֶער מָאל וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען, אוּן אוֹיךְ דֶעמָאלְט הָאט עֶר אִים נִיט גֶעזֶען –

## Measuring the Scales

3. The significance of this story in terms of a person's Divine service to those of us who heard it can be explained as follows:

The ritual assessments defined as *arachin* are not based on rational criteria. The law is that the amount of the *arachin* for any particular individual is determined by his age,[8] not by his personal virtues;[9] all men of the same age have the same ritual value.

At first glance, a person could claim: "I have invested all my years in Torah and Divine service, doing things that pleased G-d. The heavenly hosts have derived satisfaction from my service. Even mortal understanding appreciates that my deeds are worthy and to be valued. As such, my years have great worth. By contrast, consider the years of so-and-so – they have been wasted on nonsense. 'It would have been better had he never been created.'[10] How is it possible that both of our years have the same value?"

ג. דֶער בִּיאוּר פוּן דֶעם סִיפּוּר אִין עֲבוֹדָה – בְּהַנּוֹגֵעַ אֵלֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דֶעם סִיפּוּר:

עֲרָכִין אִיז אַן עִנְיָן וָואס נִיט עַל פִּי שֵׂכֶל. דֶער דִּין אִין עֲרָכִין אִיז דָאךְ אַז מֶען רֶעכְנְט לוֹיט דִי יָארְן אָבֶּער נִיט לוֹיט דִי מַעֲלוֹת בְּנֵי אָדָם[*]. אַלֶע מֶענְטשְׁן וָואס זַיְינֶען אִין דִי זֶעלְבֶּע יָארְן הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן עֶרֶךְ. אִין פְּלוּג קָאן עֶר דָאךְ פְרֶעגְן אַ קַשְׁיָא, אִיךְ הָאבּ מַיְינֶע יָארְן זִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה, אַן עִנְיָן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן פוּן דֶעם, דִי פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה זַיְינֶען צוּפְרִידְן פוּן דֶעם אוּן אוֹיךְ עַל פִּי שֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי אִיז דָאס אַן עִנְיָן וָואס עֶס אִיז רָאוּי צוּ אָפְּשַׁאצְן, הָאבְּן מַיְינֶע יָארְן אַ גְרוֹיסְן עֶרֶךְ; יֶענֶעמְס יָארְן זַיְינֶען אַוֶועק אוֹיף גָארְנִישְׁט, וְטוֹב לוֹ שֶׁלֹּא נִבְרָא[ט], אִיז ווִי קֶען זַיְין אַז בֵּיידְנְס יָארְן זָאלְן הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן עֶרֶךְ?

– זָאגְט מֶען אוֹיף דֶעם, אַז בְּשַׁעַת מֶען הָאט

8. See *Vayikra*, ch. 27; *Rambam, Hilchos Arachin*, ch. 1.

9. See *Likkutei Sichos*, Vol. 2, p. 698, which discusses the concept stated here.

10. See *Likkutei Torah, Devarim*, p. 29b, which varies slightly the wording of *Eiruvin* 13b.

אַ קַשְׁיָא אִין עֶרְכִין, דַארְף מֶען פְרִיעֶר זִיךְ מַעֲרִיךְ זַיְין (כִּדְבָעֵי) וּבְמֵילָא וֶועט שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין דִי קַשְׁיָא.

**The reply** to this question is found in the Alter Rebbe's advice: **When someone has a difficulty in *Arachin* ("Assessments"), he should first assess himself honestly, and then his difficulty will automatically vanish.**

---

ה) תהלים מז, ה.

ו) רמ"ק בספר אלימה הובא בפלח הרמון על הפרדס שער ג פ"א.

ז) הרב ר' הלל בר' מאיר הלוי מאליסאוו אב"ד באברויסק (תקנ"ה - יא מנחם אב תרכ"ד). ראה אודותו בספר פלח הרמון בראשית עמוד IV.

ח) זע אויך ליקוטי דיבורים תקכד, א.

*) זע לקו"ש ח"ב עמוד 698.

ט) זע לקוטי תורה דברים כט, א.

# NITZAVIM III | נצבים ג

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Nitzavim-Vayeilech,* 5710 (1950)

## Introduction

A poor but generous person hosted a Rebbe[1] and his followers, treating them with open-handed hospitality. Seeing the charitable nature of his host, the Rebbe blessed him with prosperity. The Rebbe's blessing was fulfilled and the man became immensely wealthy. However, his generosity decreased proportionately with the increase of his wealth. Word of the change in his character reached the Rebbe who went to visit the recipient of his blessing.

The now wealthy man was very happy to see the Rebbe and showed him around his luxurious home. In his living room, he had a huge window overlooking the street and an ornate mirror. The Rebbe led him to the window and asked what he saw. "There goes Yankel, the water carrier, and Chayim, the tailor," the wealthy man answered. The Rebbe then led him to the mirror and asked again, "What do you see?"

"Only myself," came the answer.

"You see," explained the rebbe, "both the window and the mirror are made of glass, but the mirror has a thin layer of silver behind it. When silver gets in the way, you stop seeing others and see only yourself."

The Rebbe then warned that the blessing of wealth that he gave was given conditionally. "You were given these blessings," he told the rich man, "so that you would share them."

When our sages chose an acronym to highlight the connection between *tzedakah* ("charity") and Elul, the verse they chose teaches not only that *tzedakah* should be given, but the spirit in which it should be given. It thus conveys the message that sharing our resources, be they financial or spiritual, involves recognizing that what we have was given to us not only for ourselves, but as a trust.

As we prepare for Rosh Hashanah, we should challenge ourselves: How do we ensure that our blessings, whether of wealth or wisdom, serve not just ourselves but our fellow Jews? When we do so, we gain access to material and spiritual lessons that we could otherwise not have accessed.

---

1. The following story is frequently told in many variations. In some variations, the Rebbe is identified as Rav Moshe Leib of Sassov. However, a primary source of that identification has not been located.

# Preparing For Rosh HaShanah – Going Beyond Ourselves

## What It Means To Give

**1. In addition to the principal acronym אני לדודי ודודי לי, "I am my Beloved's and my Beloved is mine,"[1] which encompasses the month of Elul as a whole, there are several specific acronyms that detail how "I am my Beloved's" is expressed. Generally, there are three** acronyms associated with the name Elul, **corresponding to the three pillars**[2] **of Torah, Divine service, and acts of kindness:**

**a) אנה לידו ושמתי לך, "G-d caused it to occur to his hand, then I will provide for you,"**[3] **corresponds to the pillar of Torah, for "words of Torah provide refuge."**[4]

**b) איש לרעהו ומתנות לאביונים, "each person to his fellow and gifts to the poor"**[5] **corresponds to the pillar of acts of kindness (*tzedakah*, "charity").**

**c) ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך, "G-d your L-rd will circumcise your heart and the heart of your descendants"**[6] **corresponds to the pillar of Divine service** (which includes **prayer and *teshuvah* as a whole). This verse concludes "to love...." and, as explained in *Kuntres HaAvodah,*[7] the primary aspect of the service of prayer is not fear, but love.**[8]

א. חֹדֶשׁ אֱלוּל - אִיז אוֹיסֶער דִי כְּלָלוּת'דִיקֶע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת' אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי, זַיְינֶען אוֹיךְ פַאראַן כַּמָּה פְּרָטִיּוּת'דִיקֶע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת'ן (בְּאֵיזֶה אוֹפֶן אִיז אֲנִי לְדוֹדִי). בִּכְלָלוּת זַיְינֶען זֵיי דְרַיי מוּבָנִים, אַנְטְקֶעגְן דִי דְרַיי קַוִין פוּן תּוֹרָה, עֲבוֹדָה וּגְמִילוּת חֲסָדִים: א) אִנָּה לְיָדוֹ וְשַׂמְתִּי לְךָ[יא] - כְּנֶגֶד קַו הַתּוֹרָה, כִּי דִבְרֵי תוֹרָה קוֹלְטִין הֵן[יב], ב) אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים[יג] - כְּנֶגֶד קַו הַגְּמִילוּת חֲסָדִים (צְדָקָה), ג) וּמָל הֲוָיֶ' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ[יד] - כְּנֶגֶד קַו הָעֲבוֹדָה (תְּפִלָּה וּתְשׁוּבָה בִּכְלָלָהּ), ווִי עֶר אִיז מְסַיֵּים לְאַהֲבָה גו' וּמְבוֹאָר בְּקוּנְטְרֵס הָעֲבוֹדָה אַז דֶער עִיקַר עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה אִיז (נִיט יִרְאָה נָאר) אַהֲבָה[טו].

---

1. *Shir HaShirim* 6:2. See ***Avudraham, Seder Tefilas Rosh HaShanah VePeirushah,*** citing "sermonizers"; ***Pri Eitz Chayim, shaar Rosh HaShanah,* ch. 1; *Shaar HaPesukim, Shir HaShirim* 6:3.**

2. See *Avos* 1:2, which speaks of the "three pillars which support the world."

**3.** *Shmos* 21:13, which, speaking about an accidental killing, states in full: "If he did not intend [to kill another] but G-d caused it to come to his hand, then I will provide for you a place [of refuge] where he can flee." **See *Pri Eitz Chayim, Shaar Rosh HaShanah,* ch. 1, *Shaar HaPesukim, Shmos* 21:13.**

**4. *Makkos* 10a. See *Sefer HaMaamarim 5604,* p. 270.**

**5.** *Esther* 9:22, which speaks of the commemoration of the Purim miracle by sending presents of food to one another and gifts to the poor. **See *Arugas HaBosem* in the name of *Amerkol.* See *Eliya Rabbah* 581:1.**

**6.** *Devarim* 30:6. ***Baal HaTurim* on that verse; *Avudraham,* loc. cit. See *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 4.**

7. See *Kuntres HaAvodah,* ch. 3.

**8. When considered more specifically, it is understood that *teshuvah* transcends the three above-mentioned vectors** of Divine service**. In general terms, however, *teshuvah*** involves **returning to G-d** and

**The concepts of Torah and Divine service have been discussed elsewhere.**[9] Here, the focus will be on *tzedakah.*

**In this** context, **clarification is required:** The four words chosen to communicate the concept of *tzedakah* involve two different acts, ***mishloach manos,*** the practice of sending gifts of food to one's friends on Purim, (not an act of *tzedakah*) and giving gifts to the poor (an act of *tzedakah*). As such, the question arises: **Why is the acronym derived from the words** ***ish lerei'eihu,*** **"each person to his fellow…," which refers to** giving gifts of food to one's fellow **and not** ***tzedakah?*** Conversely, if the practice of sending gifts to one's friends is part of the theme of Elul – as is seemingly implied by the conclusion of *ish lerei'eihu* in the acronym – **it is not clear why the acronym comes only from the last words, "each person to his fellow…" and not from the words** ***mishloach manos,*** **"sending presents"?**[10]

From these questions we understand that, within the context of Elul, *ish lerei'eihu,* "each person to his fellow," is not conceptually connected with *mishloach manos,* "sending presents," but rather with *u'matanos la'evyonim,* "gifts to the poor."

**The wording** of the phrase ***u'matanos la'evyonim,*** **"gifts to the poor,"** is somewhat atypical. Generally, the word *aniyim* is used for the poor. **The difference between** ***aniyim*** **and** ***evyonim*** **is that an** ***ani*** **refers to someone who is not wealthy and not even of average means, but he does own something. By contrast, an** ***evyon*** **is, as** ***Rashi***[11] **says, "one who yearns for everything." He craves everything, every little thing, because he has nothing** at all.[12]

Conversely, **the interpretation of "one who yearns**

דֶער עִנְיָן פוּן תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה אִיז אַרוּמְגֶערֶעדט גֶעוואָרְן אִין אַן אַנְדֶער אָרְט.

אִין דֶעם עִנְיָן פוּן צְדָקָה אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, פַארְוואָס דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז פוּן אִישׁ לְרֵעֵהוּ גו׳ וואָס דָאס אִיז דָאךְ גָאר אַן עִנְיָן פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת און נִיט צְדָקָה? אוֹיךְ אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, פַארְוואָס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת נָאר פוּן דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער, אִישׁ לְרֵעֵהוּ גו׳ און נִיט פוּן דִי וֶוערְטֶער מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת?

דֶער לָשׁוֹן אִיז וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים. דֶער חִילוּק צְווִישְׁן עֲנִיִּים מִיט אֶבְיוֹנִים אִיז, אַן עָנִי הֵייסְט דֶער וואָס אִיז נִיט קֵיין עָשִׁיר און אֲפִילוּ נִיט קֵיין בֵּינוֹנִי, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶפֶּעס הָאט עֶר. אָבֶּער אַן אֶבְיוֹן הֵייסְט ווִי רַשִׁ״י זָאגְט[טז] שֶׁתָּאֵב לְכָל דָבָר. עֶר גְלוּסְט צוּ אַלְץ, צוּ יֶעדֶער קְלֵיינִיקַיְיט, וַוייל עֶר הָאט גָארְנִישְׁט[יז].

אוֹיךְ אִיז דֶער פֵּירוּשׁ פוּן תָּאֵב לְכָל דָבָר שַׁיָּיךְ אִין דֶעם צְווייטְן קָצֶה. עֶר אִיז תָּאֵב צוּ

---

**asking Him** to satisfy **one's** spiritual **needs, primary among them being** one's need **to be forgiven and be once again desired by Him.** This corresponds to **the spiritual purpose of the burnt offerings, the guilt offerings, the sin offerings, etc., whose themes are all included in the service of prayer. Accordingly, when these** various **modes** of Divine service **are considered in a specific sense, a distinction is drawn** (as **in** ***Likkutei Sichos*****, Vol. 2, p. 396) between** the service of **prayer** (as in the acronym, **"I am my Beloved's, and my Beloved is mine") and** the service of ***teshuvah*** (as in the acronym, "G-d will circumcise **your heart and the heart** of your children"). The distinction between prayer and *teshuvah* is not called for, **by contrast, when** these subjects are **explained in general terms.**

9. See *Toras Menachem* 5710 p. 196ff., *et al.*

10. In other words, if the act of giving presents to friends was part of the message of Elul, then the verse would have been written in a different manner so that message would also be included in the acronym.

**11.** ***Rashi, Devarim*** **15:4.**

**12.** ***Vayikra Rabbah*** **34:6;** ***Midrash Mishlei*** **22.**

for everything" can also apply to the opposite extreme. The person **yearns for everything, even for the greatest things, because he was accustomed to them** in previous times. For example, once he possessed **even a horse to ride and similar things. Now,** though his fortunes have declined, **since he yearns for them – and without them, he cannot fulfill his mission in the world** – the obligation of *tzedakah,* "charity," **requires that he be given them.**[13]

The giver **might think that he is the wealthy person, and when he gives – whether something large or small – to his friend, the *evyon*, he is giving from his own possessions.** Lest a person think this way, **before the words "and gifts to the poor," the verse says "each person to his fellow."** In other words, **the gift to the poor person is being given "each person to his fellow" – the other person is his fellow, of the same status as himself.** This teaches a general lesson about *tzedakah*, **no one should** feel **dependent or indebted to another.** The giver must realize that **he is not giving of his own** possessions; rather, **he is returning to the** poor **person** what G-d **entrusted to him as a deposit.**[14]

**As the early chassidim in the days of the Alter Rebbe would say,**[15] **"The piece of bread that I have is yours as much as mine." And they would say "yours" before "mine." As our Sages said,**[16] **"More than the giver does for the poor person, the poor person does for the giver." And our Sages said,**[17] **"You sustained the soul of the poor person. Tomorrow, your son or your daughter [may be in dire need], and I [G-d] will save them."**

אַלְץ, אֲפִילוּ צוּ דֶער גְרֶעסְטֶער זאַך, ווײַיל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם. אֲפִילוּ סוּס לִרְכּוֹב וְכַדּוֹמֶה, וויבּאַלְד עֶר אִיז תָּאֵב צוּ דֶעם און אָן דֶעם קֶען עֶר נִיט אוֹיסְפִירְן זַיין שְׁלִיחוּת בָּעוֹלָם, דַארְפְסְטוּ דָאס אִים גֶעבְּן[ח].

קֶען עֶר דָאךְ מֵיינֶען אַז עֶר אִיז דֶער עָשִׁיר און בְּשַׁעַת עֶר גִיט, סַיי גְרוֹיסֶע זַאכְן, סַיי קְלֵיינֶע זַאכְן, צוּ זַיין חָבֵר דֶעם אֶבְיוֹן, גִיט עֶר דָאס פוּן זַיינֶע, אִיז פַאר דִי ווערְטֶער "וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים" זָאגְט דֶער פָּסוּק "אִישׁ לְרֵעֵהוּ". דִי מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים ווֶעלְכֶע עֶר גִיט אִיז דָאס אִישׁ לְרֵעֵהוּ, יֶענֶער אִיז זַיין חָבֵר, אִין דֶעם זֶעלְבְּן מַצָּב ווִי עֶר. אֵיינֶער דַארְף צוּם צְווייטְן נִיט אָנְקוּמֶען, ווָארוּם עֶר גִיט נִיט זַיינֶע, עֶר גִיט אָפּ צוּרִיק יֶענֶעם, ווָאס לִיגְט בַּיי אִים בְּדֶרֶךְ פִּקָּדוֹן. וּכְפִתְגָּם חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים[ט] (בִּימֵי אַדְמוּ"ר הַזָּקֵן): דֶעם שְׁטִיקֶל בְּרוֹיט ווָאס אִיךְ הָאבּ, אִיז עֶר דַיינֶער ווִי מַיינֶער. וְהָיוּ מַקְדִּימִים מִלַּת "דַיינֶער" - דַיינֶער ווִי מַיינֶער. וּכְמַאֲמַר רַזַ"ל[י], יוֹתֵר מִשֶּׁהַבַּעַל הַבַּיִת עוֹשֶׂה עִם הֶעָנִי הֶעָנִי עוֹשֶׂה עִם בַּעַל הַבַּיִת, וְאָמְרוּ רַזַ"ל[כא], נַפְשׁוֹ שֶׁל עָנִי הֶחֱיִיתָ לְמָחָר בִּנְךָ אוֹ בִּתְּךָ כו' וּמַצִּיל אֲנִי אוֹתָם.

## Giving Is Not Only Material

**2. Since a person is composed of a body and a soul, the concept of charity involves** not only giving material things but **also** giving **spiritually.**

ב. אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּנוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַ גוּף מִיט אַ נְשָׁמָה, אִיז בְּמֵילָא דֶער עִנְיַן הַצְּדָקָה פַארַאן אוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת.

---

13. *Kesubos* 67b; *Rambam, Hilchos Matanos Aniyim* 7:3.

14. See *Sefer HaMaamarim - Kuntreisim*, Vol. 1, p. 119a; *et al.*

15. *HaYom Yom,* entry for 15 Iyar; and elsewhere.

16. *Vayikra Rabbah* 34:8.

17. See *Midrash Tanchuma, Parshas Mishpatim,* sec. 15; *Yalkut Shimoni* on *Mishlei, remez* 959.

**Just as Torah Law requires that every person, even a poor Jew, give physical charity,**[18] **the same is true regarding spiritual charity. Every Jew, even one who is spiritually poor, is obligated to give** such **charity. The reason is that every Jew has something to give. The very fact that he encounters another person serves as a directive that he must help that person and give** something. Now, **everything occurs through Divine Providence, and "G-d did not create anything in vain."**[19] Accordingly, from Above, it is clear that **this** encounter **was intended so that he should give something to the other person.**

אַזוֹי ווִי אִין צְדָקָה בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז דֶער דִּין אַז יֶעדֶער אֵיינֶער, אֲפִילוּ אַן עָנִי שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, אִיז מְחוּיָּב אִין צְדָקָה[כב], אַזוֹי אוֹיךְ אִין צְדָקָה בְּרוּחְנִיּוּת, אִיז יֶעדֶער אִיד, אֲפִילוּ אַן עָנִי בְּרוּחְנִיּוּת, מְחוּיָּב אִין צְדָקָה. וַוײַל יֶעדֶער אִיד הָאט וָואס צוּ גֶעבְּן. און דָאס גוּפָא וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט יֶענֶעם, אִיז אַ הוֹרָאָה אַז עֶר דַארְף יֶענֶעם הֶעלְפְן, גֶעבְּן, וָוארוּם ווִיבַּאלְד אַז יֶעדֶער עִנְיָן אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית און לֹא בָרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא דָּבָר לְבַטָּלָה[כג], אִיז דָאךְ דָאס גֶעווִיס צוּלִיבּ אַ כַּוָּנָה אַז עֶר זָאל יֶענֶעם עֶפֶּעס גֶעבְּן.

**As mentioned, in physical matters,** when giving to another person, **one is not only benefiting the other but also doing himself a favor. Similarly, in spiritual matters, by influencing another person, one actually receives from that other person.** This is **because true perfection comes specifically from the integration of the "heads" and the "feet," as mentioned above.**[20]

און אַזוֹי ווִי אִין גַשְׁמִיּוּת גִיט עֶר נִיט יֶענֶעם נָאר עֶר טוּט אַ טוֹבָה זִיךְ, כַּנַּ"ל, אַזוֹי אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז מַשְׁפִּיעַ יֶענֶעם, אִיז עֶר גָאר מְקַבֵּל פוּן יֶענֶעם, וַוײַל דִי אֲמִתִּית הַשְּׁלֵימוּת אִיז דַּוְקָא פוּן דֶער הִתְכַּלְלוּת רֹאשׁ וְרֶגֶל כַּנַּ"ל.

## Not Mere Theory

**3. Once, the Rebbe, the** ***Tzemach Tzedek*****, was speaking about the virtue of charity – how great it is to help a Jew** earn his **livelihood and how this assists the Divine service of opening one's mind and heart to receive revelations from Above.** In this context, **he told his son, the Rebbe Maharash, of his own experience:**[21]

ג. אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי צֶמַח צֶדֶק גֶערֶעדט ווֶעגְן מַעֲלַת הַצְּדָקָה, ווִי גְרוֹיס עֶס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן הֶעלְפְן אַ אִידְן אִין פַּרְנָסָה און ווִי דָאס הֶעלְפְט אִין עֲבוֹדָה פוּן פְּתִיחַת הַמּוֹחַ וְהַלֵּב אוֹיף קַבָּלַת הַגִּילוּיִים שֶׁלְּמַעְלָה.

און דֶער רֶבִּי צֶמַח צֶדֶק דֶערְצֵיילְט[כד] זַײן זוּן - אַדְמוּ"ר מַהֲרַ"שׁ - אַז בְּדִידֵיהּ הֲוָה עוּבְדָא:

**On my way from Dobromisl to Lubavitch I was extremely uplifted by the inner closeness**[22] **which my grandfather [the**

אַז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן פוּן דָאבְּרָאמִיסְלְיַא אִין לִיוּבַּאווִיטשׁ בִּין אִיךְ גֶעווֶען שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעלֵייגְט פוּן דֶעם זֵיידְנְס - גֶעמֵיינְט

---

18. ***Gittin*** **7b;** ***Rambam,*** **loc. cit., 7:5;** ***Shulchan Aruch, Yorah Deah*****, the beginning of sec. 248.**

19. ***Bamidbar Rabbah*** **18:22.**

20. See the first *sichah* in this *parshah.*

21. **See** ***Sefer HaSichos Kayitz, 5700,*** **p. 98.**

22. After the Alter Rebbe's passing, he would appear to the *Tzemach Tzedek* in a vision from time to time and share wisdom and guidance with him. At times, the *Tzemach Tzedek* would ask the Alter Rebbe questions and the Alter Rebbe would answer them. This manifested the bond of inner closeness they shared even after the Alter Rebbe's passing.

**Alter Rebbe] had been showing me, and I hoped that on my arrival there I would be privileged to gaze upon his luminous face** [i.e., in a vision,[23] for **this took place years after the passing of the Alter Rebbe]. In the meantime, I arranged in my mind a number of queries which had arisen in the course of my studies, both in *nigleh*, [the revealed dimension of Torah study], and in *Chassidus*** [to ask my grandfather in the hope of him clarifying them].

**As soon as I arrived there, I went straight to the place concerning which my grandfather had told us about [on his way to Liadi] – that he had studied in the *shul*[24] which had once stood there. (My father-in-law, the Mitteler Rebbe, had [stood at this] spot and said that, 57 years earlier,[25] the Alter Rebbe had made Lubavitch a place suitable for the leadership of *Chabad* chassidim for many years with ongoing vitality until the coming of *Mashiach*.)**

**As I have related, at the time [I arrived there,] the plot stood vacant, after a fire that had taken place.** [Despite the uniqueness of this place, I was not privileged to receive a vision of my grandfather.]

**From the fact that the Alter Rebbe had withdrawn from me when I arrived in Lubavitch, I felt very broken and downhearted. I felt as if I had (G-d forbid) fallen from a lofty height into a deep pit.[26] I had been anticipating inner closeness but I experienced such a distance. Deeply distressed, I scrutinized my deeds in search of a possible cause, so that through *teshuvah* I would be**

דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן - קִירוּב פְּנִימִי, אוּן גֶעהָאפְט אַז קוּמֶענְדִיק אִין לִיוּבַּאווִיטְשׁ וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי זְכִיָה זֶען דֶעם זֵיידְן מִיט אַ פָּנִים מְאִירוֹת (בְּמַחֲזֶה - עֶס אִיז גֶעוֶוען פִילֶע יָארְן נָאךְ דֶער הִסְתַּלְקוּת פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן). בְּתוֹךְ כַּךְ זַיְינֶען בַּיי מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אֵיינִיקֶע שְׁאֵלוֹת אִין עִנְיָנֵי נִגְלֶה אוּן עִנְיָנֵי חֲסִידוּת אוּן אִיךְ הָאבּ מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי עִנְיָנִים בְּמַחֲשָׁבָה.

קוּמֶענְדִיק אִין לִיוּבַּאווִיטְשׁ בִּין אִיךְ גְלַיְיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אָרְט, וֶועגְן וֶועלְכְן דֶער זֵיידֶע הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט פָּארְנְדִיק אִין לַיאדִי, אַז אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת וָואס אִיז דָארְטְן גֶעשְׁטַאנֶען הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט. ווִי אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט אִיז דַאן דֶער פְּלַאץ גֶעוֶוען לֵיידִיק נָאךְ אַ שְׂרֵיפָה וָואס אִיז דָארְט גֶעוֶוען.

כְּבוֹד קְדֻשַּׁת חוֹתְנִי אַדְמוּ"ר הָאֶמְצָעִי הָאט אוֹיף דֶעם אָרְט דֶערְצֵיילְט, אַז מִיט זִיבְּן אוּן פוּפְצִיק יָאר פְרִיעֶר הָאט כְּבוֹד קְדֻשַּׁת רַבֵּינוּ הַגָּדוֹל גֶעמַאכְט לִיוּבַּאווִיטְשׁ פַאר אַ מָקוֹם מוּכְשָׁר פַאר הַנְהָלַת חֲסִידֵי חַבַּ"ד בַּאֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים אוּן אַ קִיוּם נִצְחִי עַד בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

פוּן דֶעם מְאוֹרָע, וָואס קוּמֶענְדִיק אִין לִיוּבַּאווִיטְשׁ אִיז דֶער רֶבִּי זִיךְ פוּן מִיר מִתְעַלֵּם - זָאגְט דֶער רֶבִּי צֶמַח צֶדֶק - בִּין אִיךְ גֶעוֶוען שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אוּן אַרָאפְּגֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ. אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז אִיךְ בִּין חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּגֶעפַאלְן מֵאִיגְרָא רָמָה לְבֵירָא עַמִּיקְתָּא. אִיךְ הָאבּ זִיךְ מֵכִין גֶעוֶוען אוֹיף אַ קִירוּב פְּנִימִי אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזַא רִיחוּק. הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר מִצְטַעֵר גֶעוֶוען, אוּן מְפַשְׁפֵּשׁ גֶעוֶוען בְּמַעֲשַׂי וָואס פַאר אַ זַאךְ הָאט גֶעקָאנְט גוֹרֵם זַיְין דֶעם רִיחוּק, בִּכְדֵי תְּשׁוּבָה טָאן

23. I.e., the *Tzemach Tzedek* was hoping that he would merit to receive such a vision at this time.

24. In his youth, the Alter Rebbe studied under Rabbi Yissachar Ber of Kobilnik, who lived in Lubavitch.

25. I.e. as a young boy, when studying under Rabbi Yissachar Ber.

26. Cf. *Chagigah* 5b.

**privileged to behold my grandfather's holy face and hear from him teachings in Torah and Divine service.**

The *Tzemach Tzedek* continued, relating that later **on Wednesday, the 20th of Elul, he had set out to shul to pray. On his way there, a local villager called** Reb Pinchas **asked him for a loan of three rubles, so that he could buy and sell something at the market and earn what he needed for *Shabbos*. The *Tzemach Tzedek* asked him to come to his home after his prayers and said he would give him** the loan then.

Soon afterwards, **standing in *shul* with his *tallis* on his shoulder, preparing himself for prayer, he recalled that Reb Pinchas had told him that today was a market day.** The *Tzemach Tzedek* **realized** that since **the market was open early** in the morning, Reb **Pinchas no doubt needed the money immediately. He put down his *tallis*, went home, and brought the villager, Pinchas,** a loan of **five rubles so that he could do some business and gain a profit.**

**As soon as he returned to** *shul* **and washed his hands by the sink in readiness for prayer, the Alter Rebbe appeared to him, his face all radiant, and answered all his queries.**

אויף זוֹכֶה זַיְין זֶען פְּנֵי קָדְשׁוֹ פוּן זַיְידְן אוּן הֶערְן עִנְיָנֵי תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה.

מִיטְוואָךְ כ׳ אֱלוּל אִיז דֶער רֶבִּי צֶמַח צֶדֶק גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת דַאוְונֶען. גֵייעֶנְדִיק הָאט עֶר אָנְגֶעטְרָאפְן דֶעם ליוּבַּאוִויטְשֶער בַּעַל הַבַּיִת פִּנְחָס, ווֶעלְכֶער הָאט בַּיי אִים גֶעבֶּעטְן אַ גְמִילַת חֶסֶד דְרַיי רוּבְּל־כֶּסֶף, בִּכְדֵי עֶר זָאל קֶענֶען עֶפֶּעס קוֹיפְן אִין מַארְק אוּן פַארְקוֹיפְן, ווֶעט עֶר הָאבְּן אוֹיף הוֹצָאוֹת שַׁבָּת. הָאט אִים דֶער רֶבִּי צֶמַח צֶדֶק גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אַרַיְינְקוּמֶען צוּ אִים אִין הוֹיז נָאכְן דַאוְונֶען ווֶעט עֶר אִים גֶעבְּן.

אַז דֶער רֶבִּי צֶמַח צֶדֶק הָאט זִיךְ מֵכִין גֶעווֶען צוּם דַאוְונֶען אוּן הָאט אַוועֶקְגֶעלֵייגְט דֶעם טַלִית אוֹיפְן אַקְסְל, הָאט זִיךְ דֶער צֶמַח צֶדֶק דֶערְמָאנְט וואָס ר׳ פִּנְחָס הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַז הַיְינְט אִיז אַ יוֹם הַשּׁוּק, דֶער מַארְק שְׁטֶעלְט זִיךְ פְּרִי אוּן גֶעווִיס דַארְף פִּנְחָס דִי גֶעלְט תֵּיכֶף. הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם טַלִית, גֶעגַאנְגֶען אַ הֵיים אוּן גֶענוּמֶען פִינְף זִילְבֶּערְנֶע רוּבְּל אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פִּנְחָס׳ן עֶר זָאל קֶענֶען עֶפֶּעס הַאנְדְלֶען אוּן פַארְדִינֶען.

אַז דֶער רֶבִּי צֶמַח צֶדֶק אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין מִנְיָן אוּן גֶעוואַשְׁן דִי הֶענְט בַּיְים הַאנְטְפַאס צוּ שְׁטֶעלְן זִיךְ דַאוְונֶען, הָאט זִיךְ צוּ אִים בַּאווִיזְן דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אוּן הָאט אִים פּוֹתֵר גֶעווֶען אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן פְּנֵי קָדְשׁוֹ הָאט גֶעלוֹיכְטְן.

## What *Tzedakah* Unlocks

**4. From this episode, we see that *tzedakah* has an effect even regarding spiritual matters.** Consider: we are speaking about **the *Tzemach Tzedek,* with all his** exalted **qualities and particularly, about the closeness which the Alter Rebbe showed him at the time of his passing, when they were alone.**

(His three uncles, the Alter Rebbe's sons, were not present at the Alter Rebbe's

ד. זֶעט מֶען דָאךְ פוּן דֶער מַעֲשֶׂה אַז צְדָקָה פּוֹעֵל׳ט אוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת. דֶער צֶמַח צֶדֶק מִיט אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים וּבִפְרַט דִי קִירוּבִים וואָס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין דֶער צַיְיט פוּן דֶעם אַלְטְן רֶבִּי׳נְס הִסְתַּלְקוּת, וואָס דֶעמָאלְט אִיז עֶר דָאךְ גֶעווֶען אַלֵיין מִיטְן אַלְטְן רֶבִּי׳ן,

passing: **The Mitteler Rebbe was then in Kremenchug; Rav Chayim Avraham**[27] **was then unwell; and Rav Moshe**[28] **had remained on the other side of the line of battle** between the Russian army and Napoleon's forces **and was unable to cross it because of the war.)** Yet despite **all the closeness that the Alter Rebbe had shown him, and** despite **his various attempts to see** a vision of **the Alter Rebbe, nothing had helped.**

**However,** the circumstances changed **when he met a Jew in the street – not in the *Tzemach Tzedek's*** own place (**i.e., this** villager **did not come to see the Rebbe** in his study), **but in the villager's space,** the street. **Moreover,** the *Tzemach Tzedek* **met** this villager **not when the latter was reciting *Tehillim*, or the like, but when he was thinking of** how to secure **a loan so that he could earn something.** Nevertheless, **for this** purpose, **the *Tzemach Tzedek* set aside** his **prayer (and, furthermore, this was the prayer of the *Tzemach Tzedek,*** not that of an ordinary person) to give a loan to a person in the marketplace. Now, **the time of prayer is "a time of a time of expanded consciousness** in the supernal worlds, **and likewise below."**[29] Moreover, **prayer has an advantage over Torah study since it brings about changes on the material plane;** as a result of our prayers, **G-d heals the sick and blesses the years,**[30] **as explained in *Iggeres HaKodesh.***[31] Yet **by setting aside his prayer so that he could do a material favor to a fellow Jew,** the *Tzemach Tzedek* **was privileged to behold** the countenance of **the Alter Rebbe.**

- דֶער מִיטֶעלֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין קְרֶעמֶענְטשׁוּג, ר׳ חַיִּים אַבְרָהָם[כה] אִיז גֶעוֶוען נִיט גֶעזוּנְט אוּן ר׳ מֹשֶׁה[כו] אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיפְן צְווֵייטְן זַיְיט פוּן פְרָאנְט אוּן הָאט נִיט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּלִיבּ דֶער מִלְחָמָה -

אוּן הָאט גֶעהַאט אַ סַךְ קֵירוּבִים פוּן אַלְטְן רֶבִּי׳ן, דֶערְצוּ הָאט עֶר גֶעטָאן פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים אוֹיף זֶען דֶעם אַלְטְן רֶבִּי׳ן, אוּן דָאס אַלְץ הָאט נִיט גֶעהָאלְפְן.

נָאר בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִידְן אִין גַאס, אוּן גֶעטְרָאפְן אִים נִיט אִין צֶמַח צֶדֶק׳ס ד׳ אַמּוֹת (דָאס הֵייסְט נִיט אַז דֶער אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צֶמַח צֶדֶק) נָאר אִין זַיְינֶע - ר׳ פִּנְחָס׳עֶס - ד׳ אַמּוֹת, אוּן גֶעטְרָאפְן אִים נִיט בַּיי זָאגְן תְּהִלִּים וְהַדּוֹמֶה נָאר טְרַאכְטְנְדִיק וֶועגְן אַ גְמִילַת חֶסֶד בִּכְדֵי עֶר זָאל קֶענֶען פַארְדִינֶען, אוּן צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר אָפְּגֶעלָאזְן דֶעם עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה, אוּן דֶערְצוּ נָאךְ - דֶעם צֶמַח צֶדֶק׳ס תְּפִלָּה, וָואס תְּפִלָּה אִיז שַׁעַת מוֹחִין דְּגַדְלוּת לְמַעְלָה אוּן אוֹיךְ לְמַטָּה[כז], אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין אִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ[כח] דִי מַעֲלָה פוּן תְּפִלָּה אוֹיף תּוֹרָה, - אַז תְּפִלָּה פּוֹעֵל׳ט אַ שִׁינּוּי אִין גַשְׁמִיּוּת, רוֹפֵא חוֹלִים וּמְבָרֵךְ הַשָּׁנִים, אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט דָאס אָפְּגֶעלָאזְן צוּלִיבּ טָאן אַ אִידְן אַ טוֹבָה אִין גַשְׁמִיּוּת, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען דֶעם אַלְטְן רֶבִּי׳ן.

27. Rav Chayim Avraham **was born in Elul, 5537 or 5538** (1777 or 1778); **he passed away in 5608** (1848) **and is buried in Lubavitch. For biographical notes, see *HaTamim,* Vol. 8, p. 8.**

28. Concerning Rav Moshe, see **the notes of the Rebbe Rayatz on the Alter Rebbe** (partly published in *Sefer HaToldos Admur HaZaken*, Vol. 3, p. 701ff. and p. 744ff.). See also *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 7, p. 15ff.

29. ***Tanya*, ch. 12.**

30. As we request in the eighth and ninth blessings of the *Shemoneh Esreh.*

31. ***Tanya, Kuntreis Acharon*, the essay beginning *Lehavin mah shekasuv biPri Etz Chayim,* p. 155a.**

## Not For Oneself Alone

**5. To derive a practical lesson: There are some**[32] **who possess a double advantage** over others: a) **they have** spiritual **resources to give, and b) they possess the virtue of energy.** Accordingly, it would be proper for **them to visit** other **shuls on Rosh HaShanah to awaken** their fellow **Jews** spiritually.

**Rosh HaShanah has two days, each with its distinctive virtue. The First Day is a time of "stern judgment," while the Second Day is a time of "gentle judgment."**[33] The observance of **the First Day is mandated by Scriptural Law, while the Second Day was ordained by the Sages. Since "the ordinances of the Sages are more stringent,"**[34] **each day has a point of superiority over the other, and they complement each other, to the point that** together **they become** ***yoma arichta*** **– "one long day."**[35] **Accordingly, visits should be made on both days.**

**Someone might claim, "I have a long and complicated account** to settle **from the whole year. I don't know what has been** motivated **by the Good Inclination and what has been** motivated **by the Evil Inclination. Now, I have been given forty days of** Divine **favor during which to work out my accounts to a certain extent. How, then, can I devote** some **time to others?"**

The answer to this lies in the words, **איש לרעהו ומתנות לאביונים** (**"each person to his fellow, and gifts to the poor"**). **"Gifts to the poor" are** given from **"each person to his fellow,"** implying that there is a reciprocal process involved. **By going out to inspire a fellow Jew, one will himself benefit.**

ה. בְּנוֹגֵעַ לְפוֹעֵל:

אַזוֹי ווִי עֶס זַיְינֶען דָא אַזוֹינֶע וָואס זֵייעֶר מַעֲלָה אִיז אִין צְווֵיי עִנְיָנִים, א) זֵיי הָאבְּן וָואס צוּ גֶעבְּן. ב) מַעֲלַת הַמֶּרֶץ. אִיז זָאלְן זֵיי גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין דִי שׁוּלְן צוּ מְעוֹרֵר זַיְין אִידְן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דָאךְ צְווֵיי טֶעג, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אַ מַעֲלָה. דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דִּינָא קַשְׁיָא אוּן דֶעם צְווֵייטְן טָאג - דִּינָא רַפְיָא. דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג אִיז מִדְּאוֹרַיְתָא אוּן דֶער צְווֵייטֶער טָאג מִדְּרַבָּנָן. אוּן ווִיבַּאלְד אַז חֲמוּרִים דִּבְרֵי סוֹפְרִים הָאט דָאךְ יֶעדֶער טָאג אַ מַעֲלָה אוֹיפְן צְווֵייטְן, וּמַשְׁלִימִים זֶה אֶת זֶה, בִּיז זֵיי ווֶערְן יוֹמָא אֲרִיכְתָּא[כט], בְּמֵילָא זָאל מֶען גֵיין בֵּיידֶע טֶעג.

קֶען מֶען דָאךְ טַעֲנֶה'ן, אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא פַארְפְּלָאנְטֶערְטְן חֶשְׁבּוֹן פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס אִיז פוּן יֵצֶר טוֹב אוּן וָואס אִיז פוּן יֵצֶר הָרָע, אוּן אִיצְטֶער הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן פֶערְצִיק טֶעג יְמֵי רָצוֹן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס פַאנַאנְדֶערְעכֶענֶען, אִיז ווִי זָאל אִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַזַא צַיְיט אַן אַנְדֶערְן - זָאגְט מֶען אִים אַז מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אִיז אִישׁ לְרֵעֵהוּ. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר ווֶעט גֵיין מְעוֹרֵר זַיְין יֶענֶעם - ווֶעט צוּקוּמֶען אוֹיךְ אִים.

(משיחת ש"פ נצבים, תש"י)

32. Although with these remarks, the Rebbe was addressing *yeshivah* students specifically, his message is obviously not limited to them.

33. *Pri Etz Chayim, Shaar Rosh HaShanah,* ch. 1; *et al.*

34. See *Sanhedrin* 88b; *et al.*

35. **See *Rashi* on *Beitzah* 4b (s.v. *Asurah bazeh*)**; see also the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Orach Chayim* 600:3ff.

י) זע לקו"ש ח"ב עמוד 396 הערה 23.
יא) דארט הערה 21.
יב) דארט הערה 22.
יג) דארט הערה 25.
יד) דארט הערה 26.
טו) בפרטיות - מובן שתשובה למעלה מג'

קווין הנ"ל, אבל בכללות - תשובה ענינה תשוב אל האלקים, בקשת צרכיו של האדם (שמהעקרים בזה

שיהיה מכופר ומרוצה לפני ה' כו'), רוחניות הענין דקרבן עולה אשם חטאת וכו' - שכל זה הוא מתוכן ענין התפלה. שעל פי זה מובן שכשמדברים הענינים בפרטיות יש לחלק בין תפלה (אני לדודי ודודי לי) ותשובה (את לבבך ואת לבב) - וכלקו"ש ח"ב ע' 396 - מה שאין כן בהביאור בכללות.

טז) דברים טו, ד.

יז) ויקרא רבה פרשה לד, ו. מדרש משלי כב.

יח) כתובות סז, ב. רמב"ם הלכות מתנות עניים פרק ז הלכה ג.

יט) היום יום, טו אייר.

כ) ויקרא רבה פרשה לד, ח.

כא) תנחומא משפטים טו. ילקוט משלי רמז תתקנט.

כב) גיטין ז, ריש ע"ב. רמב"ם הלכות מתנות עניים פרק ז הלכה ה' שולחן ערוך יורה דעה סימן רמח סעיף א.

כג) במדבר רבה יח, כב.

כד) זע ספר השיחות קיץ ה'ת"ש עמוד 98.

כה) נולד אלול תקל"ז או תקל"ח, נפטר בשנת תר"ח ומנוחתו כבוד בליובאוויטש. ראה אודותו התמים חלק ח עמוד ח.

כו) ראה אודותיו ברשימות אדמו"ר - מהריי"צ - נ"ע על־דבר רבנו הזקן.

כז) תניא פרק יב.

כח) קונטרס אחרון (בתניא) פיסקא להבין מ"ש בפע"ח (קנה, א).

כט) זע רש"י ביצה דף ד סוף ע"ב ד"ה אסורה בזה.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*